# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

כי תשא - פרה

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

מכון באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת כי תשא - פרה


עונה לעמו ישראל - דער אויבערשטער הערט יעדע תפלה פון יעדע איד אין יעדע מצב............א

'מחצית' השקל - דאָס חשיבות אפילו נאָר פון א קליינע פעולה..............................ג

שים שלום - מחלוקת איז ארגער ווי עבודה זרה..............................................ו

פרשת פרה - בזמן הזה ווערן מיר ווערן געריינינגט דורך לייענען די פרשה...............י

זאת חוקת התורה - די בעסטע טהרה איז לימוד התורה.......................................יג

# כי תשא - פרה

**עונה לעמו ישראל - דער אויבערשטער הערט יעדע תפלה פון יעדע איד אין יעדע מצב**

**נאָכדעם** ווי די אידן האָבן געמאַכט דעם עגל האָט משה רבינו ע"ה געזאָגט צו דעם אויבערשטען: "ואם אין, מחני נא מספרך אשר כתבת" (לב, לב). אויב דו ווילסט נישט מוחל זיין פאַר די אידן וואָס זיי האָבן געמאַכט דעם עגל, זאָלסטו מיך אויסמעקן פון דיין ספר וואָס דו האָסט געשריבן. זאָגט רש"י: "שלא יאמרו עלי שלא הייתי כדאי לבקש עליהם רחמים" - כדי מען זאָל נישט זאָגן אויף מיר, אַז איך בין נישט געווען ראוי צו בעטן רחמים פאַר זיי.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, משה רבינו ע"ה איז דאָך געווען דער גרעסטער עניו אויף דער וועלט - "ענָיו מאד מכל האדם". וואָס האָט איהם געאַרט אַז מען וועט זאָגן אַז ער איז נישט געווען כדאי צו פועל'ן פאַר די אידן אַז דער אויבערשטער זאָל זיי מוחל זיין? אויך איז שווער, לויט ווי קליין משה האָט זיך געהאַלטן, האָט ער טאַקע געדאַרפט טראַכטן אַז מצד הדין איז ער נישט ראוי צו בעטן רחמים פאַר זיי?

**ענטפערט** דער "בית אהרן" זי"ע (ליקוטים, קמד: ד"ה "ואם אין"), אַז אדרבה, צוליב זיין גרויסע ענִיוות, וואָס משה רבינו ע"ה האָט זיך געהאַלטן קליין, האָט ער גע'טענה'ט "ואם אין", אויב דו וועסט נישט אָננעמען מיין תפלה, האָב איך מורא אַז מענטשן וועלן זאָגן אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט נישט אָנגענומען מיין תפלה, איז טאַקע געווען דערפאַר ווייל דער אויבערשטער וויל נישט הערן די תפלה פון אַ בעל עבירה ח"ו. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל דער אויבערשטער הערט דאָך יאָ יעדע תפלה: "כי אתה שומע תפלת כל פה", אָן קיין חילוק וואָס עס איז דער מהות פונעם מענטש וואָס איז מתפלל פאַר איהם. וועגן דעם האָט משה אַזוי שטאַרק געבעטן דעם אויבערשטען ער זאָל אָננעמען זיין תפלה[א].

---

**א.** צוויי יאָר צוריק, זענען פינף בלוט-דורשטיגע אַראַבישע כוליגאַנעס באַפאַלן אַ פרייען איד, וועלכער איז געשטאַנען ביי אַן אויטאָבוס-סטאַנציע אין נתניה איינער אַליין. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַ שאַרפן מעסער רח"ל, גרייט צו הרג'ענען דעם איד ח"ו. דער איד, וועלכער האָט געטראָגן אין געהיים אַ קליינע ביקס, האָט זיך נישט פאַרלוירן, און עס איז איהם מיט ניסי ניסים געלונגען צו הרג'ענען פיר פון די אַראַבער מיט זיין ביקס. ווען דער פינפטער האָט געזעהן וואָס דאָ קומט פאַר, האָט ער צוגענומען פון זיינע חברים זייערע מעסערס, און ער איז אַנטלאָפן פון אָרט, מיט פינף מעסערס אין דער האַנט.

ווען די פאָליציי איז אָנגעקומען, האָבן זיי געזעהן דעם איד שטיין נעבן פיר טויטע אַרבעטער, און ער טענה'ט אַז זיי האָבן איהם געוואָלט הרג'ענען מיט זייערע מעסערס. וועגן דעם האָט ער זיי גע'הרג'עט אין זעלבסט-שוץ. די פאָליציי האָט אָבער נישט "געקויפט" זיינע אַרגומענטן, וויבאַלד עס האָט זיך נישט געפונען אפילו אַ זכר פון אַ "מעסער" אין גאַנצן אָרט. די פאָליצייאישע אויספאָרשער האָבן אַלזאָ "באַשלאָסן", אַז דער איד האָט אומגעברענגט די אַראַבער אָן קיין שום סיבה. זיי האָבן איהם געקייטעלט, און פאַראורטיילט צו פיר לעבנסלענגליכע טורמע טערמינען, קעגן די פיר מאָרדן וואָס ער איז באַגאַנגען... אפילו זיינע תחנונים מ'זאָל איהם אַריבערפירן צו אַן אַנדערע טורמע, ווייל דאָרט געפינט ער זיך מיט שווידערליכע פאַרברעכער, זענען נישט אָנגענומען געוואָרן.

איינמאָל ווען דער רב פון דער טורמע האָט איהם באַזוכט, האָט דער אידישער אַרעסטאַנט זיך אָפּגערעדט פאַר דעם רב: "דער אויבערשטער האָט מיך געראַטעוועט פון טויט, און ער האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין טורמע...". האָט דער רב (אַ פאַרוואונדערטער אַז ער רעדט וועגן דעם אויבערשטען) איהם געפרעגט: "פון וואו ווייסטו אַז דער אויבערשטער האָט דיך געראַטעוועט פון טויט?...". "אין דער צייט ווען די פינף אַראַבישע רוצחים זענען געשטאַנען מיט זייערע מעסערס אויסגעשטרעקט אויף מיר, האָב איך געבעטן דעם אויבערשטען, און ער האָט געראַטעוועט מיין לעבן".

זאָגט איהם דער רב: [דיין אויסזעהן זאָגט עדות, אַז דו ביזט ווייט פון שמירת התורה והמצוות. אויב אַזוי] ווי אַזוי איז דיר איינגעפאַלן זיך צו ווענדן צום אויבערשטען אין יענע מינוטן? האָט דער איד געענטפערט:

**עס** שטייט אין תנא דבי אליהו (זוטא, פ"ו) דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו ע"ה, ווען איך זעה מענטשן, ("אף על פי שאין להם תהלה ושבח של תורה ומעשים טובים, לא במעשה ידיהן, ולא במעשה אבותיהן, אלא רק בשביל שהן עומדין ומודין ומברכין, ומשבחין ומרבין תחנונים לפני, אני נזקק להם וכופל להם מזונותיהם") כאָטש זיי האָבן נישט קיין תורה און מעשים טובים, נישט זיי און נישט זייערע עלטערן, נאָר דערפאַר ווייל זיי שטייען און לויבן און דאַנקען מיר, און בעטן מיך, ענטפער איך זיי, און איך דאָפל זייער שפייז.

**זעהט** מען פון די ווערטער פון תנא דבי אליהו, אַז אפילו אויב דער מענטש איז אין אַ נידעריגן מצב, ענטפערט מען פון הימל זיינע תפלות, ווייל תפלה איז אַזוי גרויס, אַז פאַר די עצם תפלה ערפילט מען אַלע זיינע וואונטשן צום גוטן. מ'פאַרדאָפּעלט זיין פרנסה און אַלע אַנדערע באַדערפענישן[ב].

**אין** דער היינטיגער סדרה, לערנען מיר אויך נאָך אַ יסוד אין דעם ענין פון תפלה, אַז ווען דער מענטש שטעלט זיך אַוועק דאַווענען פאַר'ן אויבערשטען (און אַזוי

---

- מיין זיידע האָט מיך אויסגעלערנט, אַז דער אויבערשטער העלפט אַפילו פאַר דעם וואָס קען איהם נישט... דעריבער ווען איך בין געווען אין אַ געפאַר, האָב איך געשריגן צום אויבערשטען ער זאָל מיך ראַטעווען, און איך בין טאַקע געבליבן לעבן אַדאַנק די אָפענע נסים פון הימל.

בעת דער רב האָט געשמועסט מיט דעם אידישן אַרעסטאַנט, איז געשטאַנען דערנעבן אַ איד וואָס איז אַ מקורב צו איינע פון די גדולי הדור, און האָט זיך צוגעהערט צו זייער שמועס. ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער איבערגעזאָגט פאַר דעם גדול מיט וועמען ער איז געווען נאָנט, דעם געשפרעך צווישן דעם רב און דעם אידישן אַרעסטאַנט. האָט דער גדול איהם געפרעגט, אויב אַזוי, פאַרוואָס בעט ער נישט דעם אויבערשטען אַז ער זאָל איהם אַרויסנעמען אויך פון תפיסה? האָט דער מקורב פרובירט פאַרענטפערן דעם אידישן אַרעסטאַנט, אַז דעמאָלטס ווען ער האָט מתפלל געווען צום אויבערשטען ער זאָל איהם ראַטעווען פון טויט, איז געווען "קודם המעשה" - פאַר די מעשה. ער האָט דאָך נאָך געלעבט... אָבער דאָ איז ער דאָך שוין אין טורמע... האָט דער גדול געזאָגט מיט אַ שמייכל:

- וואָס איז דען שייך צו זאָגן "קודם מעשה", ווען ער איז אַרומגענומען מיט פינף מערדער מיט אויסגעשטרעקטע מעסערס?... נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער הערט דאָך יעדע אידישע תפילה, אין יעדע צייט. זאָל ער, אַלזאָ, אויך יעצט מתפלל זיין אויף אַ ישועה, און ער וועט זעהן וואונדער.

עטליכע טעג שפּעטער, האָט יענער מקורב ווידעראַמאָל אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין טורמע, און איבערגעזאָגט פאַר דעם אידישן אַרעסטאַנט די ווערטער פון דעם גדול.

עטליכע וואָכן שפּעטער, ווען דער מקורב איז געגאַנגען אויף דער גאַס, האָט ער פלוצלינג דערזעהן דעם געוועזענעם אַרעסטאַנט שפּאַצירן אויף דער גאַס "פראַנק און פריי". מיט אַ שמייכל איז ער צוגעגאַנגען צו יענעם, און איהם געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג, ווי אַזוי ער איז אַרויס פריי. זאָגט איהם דער איד:

- דו פרעגסט מיר אַזאַ שאלה?!... דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט אַז איך זאָל מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, און איך וועל אַרויסגיין פריי. איך האָב אַזוי געטוהן, און איך בין, ברוך השם, טאַקע אַרויסגעלאָזט געוואָרן פריי. ווילסטו דאָך אַוודאי וויסן די השתלשלות הדברים... פאַסירט האָט עס, ווייל די זיכערהייט-קרעפטן האָבן שפּעטער געכאַפּט דעם פינפטן אַראַבער, ווי ער אַנטלויפט מיט פינף מעסערס אין זיין באַזיץ (פיר פון די מעסערס האָט ער דאָך "גע'ירש'ענט פון זיינע אומגעקומענע קאָלעגן). דאַן האָט די פּאָליציי געזעהן די גערעכטיגקייט פון מיינע טענות, און מ'האָט מיך אַרויסגעלאָזט פריי.

פון די דאָזיגע געשיכטע, לערנען מיר צוויי לימודים: א) "דער אויבערשטער העלפט, אַפילו פאַר איינעם וואָס קען איהם נישט"... ב) ס'איז קיינמאָל נישט "לאחר המעשה". דער מענטש דאַרף שטענדיג מתפלל זיין, און דער אויבערשטער וועט איהם העלפן צו יעדע צייט.

**ב.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (שמות כ, ג) "לא יהיה לך אלהים אחרים". זאָגט רש"י, "שהם אחרים לעובדיהם, צועקין אליהן ואינן עושין אותו, ודומה כאילו הוא אחר, שאינו מכירו מעולם". די אָפּגעטער זענען פרעמד צו די מענטשן וואָס דינען זיי. זיי שרייען צו זיי, און זיי ענטפערן איהם נישט. ער איז גלייך ווי אַן "אַנדערער", וועמען ער האָט קיינמאָל נישט געקענט.

ביי יעדע מצוה וואָס ער איז מקיים) דאַרף ער זיך שטאַרקן מיט'ן וויסן אַז ער האָט אַ גרויסן כח, ער קען אויפטוהן גרויסע זאַכן, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט שוין מקיים געווען די מצוה, דאַרף ער זיך האַלטן קליין, און טראַכטן אַז ער אַליין, האָט גאָרנישט געטוהן. אַלעס איז נאָר מיט'ן כח פון באַשעפער.

אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק רבי ברוך'ל מעזוביז'ער זי"ע, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לג, כא) "הנה מקום אתי ונצבת על הצור, והיה בעבור כבודי ושמתיך בנקרת הצור". ווען איך בין מיט'ן באַשעפער כביכול ("הנה מקום אתי"), דאָס הייסט, ווען איך דאַווען אָדער איך בין מקיים אַן אַנדערע מצוה, דעמאָלטס "ונצבת על הצור", זאָל ער זיך אַוועקשטעלן מיט אַ פעסטקייט, און ער זאָל נישט פאַלן ביי זיך. "והיה בעבור כבודי", נאָכ'ן דאַווענען, "ושמתיך נקרת הצור", דאַרף דער מענטש זיך האַלטן קליין.

### 'מחצית' השקל - דאָס חשיבות אפילו נאָר פון א קליינע פעולה

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער פרשה (לד, ז) "ונקה לא ינקה", זאָגט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע (ריש פרשת תשא) אַז דער אויבערשטער רייניגט יעדן איד וואָס קען זיך נישט אַליין אָפּרייניגן פון זיינע פגמים, אָבער זיין האַרץ ברענט זיך צו דערנענטערן צו עבודת ה', נאָר דער יצר הרע שטרויכלט איהם יעדעס מאָל פונדאָסניי, ביז ער קען זיך נישט רירן פון אָרט. אַזאַ איינעם, רייניגט דער אויבערשטער פון אַלע זיינע פגמים, עכ"ל.

---

האָט דער "אמרי אמת" געזאָגט, אַז פון די ווערטער פון רש"י ז"ל קומט אויס, אַז ווען ס'איז פאַרקערט, דער מענטש רופט און שרייט צום אויבערשטען און ער ווערט געענטפערט, איז אַ סימן אויף זיין נאָנטקייט צום אויבערשטען.

אַ יונגערמאַן האָט אַמאָל געבעטן הרה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע, אַן עצה ווי אַזוי זיך צו שטאַרקן מיט אמונה אין דעם באַשעפער. האָט דער בעלזער רב איהם געענטפערט: "דו דאַרפסט נישט האָבן חיזוק. גיי דאַווענען...".

דער בעלזער רב האָט געמיינט צו זאָגן, אַז מיט'ן כח פון תפילה פון טיפן האַרצן, איז דער מענטש פאַרזיכערט אַז ער וועט געראַטעוועט ווערן פון אַלע זיינע פראָבלעמען. ער וועט קלאָר זעהן ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט.

מיר האָבן געהערט פונעם בעל העובדא, די פאָלגענדע מעשה: אַלס בחור, האָט ער געלערנט אין דער פּאָניעוועזשער ישיבה, ביים גאון רבי אלעזר מנחם שך זצ"ל. אַלס אַ סלאָנימער חסיד, איז ער פון צייט צו צייט געפאָרן קיין ירושלים אויף שבת צו זיין רבי'ן, כ"ק אדמו"ר בעל "נתיבות שלום" זי"ע. וויבאַלד דער בחור איז געווען אַ גרויסער בעל-כשרון, און האָט פיין געלערנט, האָט ער געוואָסן פון חביבות ביי הרב שך. אַמאָל האָט הרב שך איהם געפרעגט פאַרוואָס ער פאָרט קיין ירושלים. האָט ער געענטפערט, אַז ער פאָרט צו זיין רבי'ן, דער "נתיבות שלום", און ער האָט איבערגעזאָגט פאַר'ן ראש ישיבה, אַ וואָרט וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן, דעם "נתיבות שלום", יענעם שבת (וואָס איז געווען שבת פרשת כי תשא) אויף די ווערטער פון זוהר חדש (אָנהייב שיר השירים), אַז דערפאַר ווערט דער נאָמען פון משה רבינו ע"ה נישט דערמאָנט אין פרשת תצוה, ווייל ער האָט געזאָגט (פרשתינו, לב, לב) "ועתה אם תשא חטאתם, ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת". פרעגן די מפרשים, פאַרוואָס איז משה רבינו ע"ה געשטראָפט געוואָרן דערפאַר? ער האָט דאָך געהאַט מסירות נפש פאַר כלל ישראל, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי מוחל זיין דעם חטא העגל?

האָט דער סלאָנימער רבי געענטפערט, אַז משה רבינו האָט באַקומען אַן עונש ווייל ער האָט געזאָגט, "ואם אין" - און אויב דער אויבערשטער וועט נישט מוחל זיין די עבירה פון די אידן. עס זעהט אויס אַז ער איז געווען מסופק צו זיין תפלה וועט העלפן. וועגן דעם איז ער געשטראָפט געוואָרן אַז זיין נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערן אין פרשת תצוה, ווייל דער מענטש וואָס איז מתפלל מיט די גאַנצע אמת, דאַרף זיין זיכער ביי זיך אַז זיין תפלה וועט אָנגענומען ווערן אין הימל.

הערנדיג דעם געדאַנק, האָט הרב שך זייער הנאה געהאַט דערפון, און געזאָגט צו דעם בחור:

- אויב אַזוי, פאָר ווייטער (צום רבי'ן) און ברענגט מיר פון דאָרט יעדע וואָך אַזעלכע דברי תורה...

**קומט** אויס, אַז ווען דער מענטש פאַלט נישט אַריין חלילה אין יאוש, נאָר ער טוט אַלעס וואָס ער קען, "ינקה" - וועט דער אויבערשטער איהם אָפּריינינגן[ג], אויך דאָס וואָס דער מענטש "לא ינקה" - ריינִיגט נישט אַליין, עכ"ל[ד].

**דער** מענטש טאָר נישט זאָגן, ווי אַזוי קען איך נענטער ווערן צום באַשעפער, עס קומט דאָך מיר אָן אַזוי שווער, צוליב מיינע פילע עבירות? אויף דעם זאָגט דער פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (ל, יג) "זה יתנו כל העובר על הפקודים... מחצית". דער מענטש דאַרף נאָר ברענגען אַ "מחצית" - אַ "העלפט", דאָס הייסט, אַפילו אַ "קליינִיגקייט", און דער אויבערשטער וועט עס אָננעמען מיט ליבשאַפט. אויב דער מענטש עפענט נאָר אַ קליין "לעכל", וויפיל אַ מענטש איז בכח צו טוהן, וועט דער אויבערשטער איהם העלפן צוצוענדיגן דאָס איבעריגע.

**אַזוי** טייטשט הרה"ק בעל "ייטב לב" זי"ע ("ייטב לב", ד"ה "כי תשא") דעם פסוק אָנהייב סדרה (ל, יב-יג) "ונתנו איש כופר נפשו לה' בפקוד אותם וגו', זה יתנו כל העובר על הפקודים מחצית השקל בשקל הקודש". לכאורה איז שווער, פאַרוואָס דאַרף דער מענטש ברענגען "כופר נפש" אויף זיינע עבירות? ער קען דאָך טענה'ן אַז ער איז אַן "אונס" געצוואונגען דורך דעם "חומר", ווייל ער איז דאָך באַשאַפן געוואָרן פון דער ערד, "עפר מן האדמה"? אויף דעם האָט די תורה געהייסן ברענגען אַ "מחצית השקל", צו לערנען, אַז דעם "אָנהייב" פון די עבודה (אַ "האַלבע" עבודה) קען דאָך יעדער איינער טוהן, און אויב ער ברענגט נישט כאָטש אַ "מחצית" פון די עבודה, דאַרף ער דערפאַר ברענגען אַ "כופר נפש".

**דאָס** איז אַן ענטפער פאַר מענטשן וואָס זאָגן, אַז באמת ווילן זיי דינען דעם אויבערשטען, נאָר דער גוף, דער "חומר" מיט זיינע תאוות, שלעפּט אַראָפּ דעם מענטש. איינער ווערט איבערגערעדט פונעם יצר הרע צו שלעכטע מדות. אַ צווייטער, בייזערט זיך אויף יעדע קליינִיגקייט. אַ דריטער, באַקלאָגט זיך אַז דער יצר הרע ציט איהם צו בילִיגע תאוות רח"ל, און אַ פערטער, ציט איהם צו עצבות אָדער עצלות, און דאָס גלייכן. דער מענטש טראַכט ביי זיך, ווען איך וואָלט נישט געהאַט די אַלע שלעכטע מדות, וואָלט איך דאָך געווען אַן "אדם השלם".

**דער** אמת איז אָבער, אַז דער תכלית פון אַ איד אויף דער וועלט איז, צו האָבן נסיונות און קעמפן קעגן זיין יצר הרע. אין הימל, האָט דער אויבערשטער צענדליגער טויזנטער מלאכים וואָס האָבן נישט אַ יצר הרע, נאָר דער אויבערשטער האָט באַשאַפן דעם מענטש מיט חסרונות, און יעדער איינער דאַרף וויסן אַז דער אויבערשטער קען איהם גוט, און איז מחשיב זיין עבודה, טראָץ אַלע זיינע חסרונות.

**אפילו** אויב ס'איז שווער פאַר'ן מענטש אָנצוקומען צום שפּיץ באַרג, דאַרף ער געדענקען אַז דער מענטש איז מחויב צו טוהן וואָס ער קען, ווי דער פסוק זאָגט (קהלת ט, י) "כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה". אַלעס וואָס איז אין דיין מעגליכקייט לויט זיינע כוחות,

---

**ג.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לג, ד) "ויתאבלו ולא שתו איש עדיו עליו", ווערט געברענגט (ספה"ק "תפלה למשה", אָנהייב פרשת ויקהל) אין נאָמען פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, אַז דער עיקר פּגם פונעם חטא העגל איז באַשטאַנען אין דעם וואָס די אידן האָבן געטרויערט נאָך דעם ווי זיי האָבן געמאַכט דעם עגל. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אַז יעדער איד האָט אַ הייליגע נשמה, וואָס איז אַ "חלק אלקי ממעל", און דער מענטש טאָר נישט קוקן אויפ'ן עבר. פון דאָ און ווייטער קען ער זיך אומקערן צום אויבערשטען.

**ד.** אַזוי שרייבט דער "שפת אמת" (תשא שנת תרל"ב, ועוד) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לא, ג) "אך את שבתותי תשמורו". די חז"ל דרש'ענען (ספרי במדבר לא, כב) אויפ'ן פסוק "אך את הזהב" וגו', אַז מ'דאַרף אַראָפּנעמען די "חלודה" ("ראָסט") פון די כלים פון מדין, איידער מען גליעט זיי אויס ("הגעלה") כדי זיך צו קענען באַנוצן דערמיט. איז דער פסוק מרמז אויך דאָ, "אך את שבתותי תשמורו", דורך דעם וואָס דער מענטש נעמט אַוועק דאָס פסולת פון זיין האַרץ, שפּרייט זיך אויס די קדושה פון שבת אויך אין די וואָכן-טעג, און אויף דעם דאַרף מען אַ ספּעציעלע שמירה. די שמירה ווערט געטוהן דורך דעם וואָס דער מענטש האָט אַ רצון און אַ השתוקקות אין די זעקס טעג פון דער וואָך, צו מאַכן אַ נחת רוח פאַר'ן באַשעפער.

זאָלסטו טוהן. יעדע קליינע פעולה וואָס דער מענטש טוט, איז גאָר חשוב ביי דעם אויבערשטען[ה]. דער באַשעפער פאָדערט פון אַ מענטש נאָר אַז ער זאָל איהם דינען לויט זיינע כוחות און לויט זיין מצב[ו]. ביי דעם אויבערשטען, זענען גליך דער מתמיד וואָס לערנט תורה טאָג און נאַכט, און דער אַרבעטער וואָס אַרבעט

---

**ה.** די בעלי המוסר זאָגן, מיר געפינען אַז אַלע כלים פון משכן האָבן געהאַט אַ מאָס, אין דער לענג, און אין דער ברייט. די איינציגסטע כלי וואָס האָט נישט געהאַט אַ מאָס, איז געווען דער "כיור" (וואו די כהנים האָבן זיך געוואַשן די הענט און די פיס). דאָרט זאָגט נישט די תורה אַ מאָס, ווי לאַנג און ווי ברייט עס איז געווען. פאַרוואָס איז דער כיור געווען אַנדערש ווי די אַנדערע כלים? אויך איז שווער, ביי דעם "כיור" וואָס שלמה המלך ע"ה האָט געמאַכט אין בית המקדש, שטייט יאָ אַ שיעור, ווי דער פסוק זאָגט (דה"ב ד, ב) "ויעש את הים מוצק עשר באמה משפתו אל שפתו". איז דאָך נאָך מער שווער, פאַרוואָס שטייט דאָרט יאָ אַ מאָס פאַר'ן "כיור", און ביי דעם "כיור" וואָס משה האָט געמאַכט פאַר'ן משכן, זאָגט נישט די תורה ווי גרויס עס האָט געדאַרפט זיין?

ענטפערן די בעלי המוסר, אַז דער "כיור" איז דאָך געמאַכט געוואָרן פון שפיגלען, ווי די ראשונים (רמב"ן, אבן עזרא, פ' ויקהל) זאָגן, אַז די פרויען האָבן אַוועקגעגעבן זייערע שפיגלען (וואָס זענען לכתחילה געווען געצילט פאַר אַן עבירה ח"ו), און האָבן עס מקדיש געווען פאַר דעם אויבערשטען. (רבינו אברהם בן הרמב"ם שרייבט אין זיין פירוש על התורה, אַז יעדע פרוי האָט גענומען אַ שטיין און אַריינגעוואָרפן אינעם שפיגל, און אַזוי איז עס צעהאַקט געוואָרן אויף שטיקער). וועגן דעם האָט די תורה נישט אַרויסגעשריבן אַ אַ מאָס ווי גרויס דער "כיור" האָט געדאַרפט זיין, אונז צו לערנען, אַז יעדער "משהו" וואָס דער מענטש צעברעכט זיין יצר הרע, איז חשוב ביי דעם אויבערשטען, און יעדע התגברות פון מענטש אויף זיין יצר, איז גאָר באַליבט אין הימל.

אַ גדול האָט אַמאָל געזאָגט, אַנדערש איז דער מענטש פון די בהמה. נאָר ביי אַ בהמה געפינען מיר אַז עס ווערט נישט גערעכנט ווי די בהמה איז גע'שחט'ן געוואָרן, נאָר אויב מ'האָט אַדורכגעשניטן דעם רוב פון די "סימנים", אָבער ביי אַ מענטש, איז חשוב אַפילו אַ קליינער "קריץ" וואָס ער מאַכט פון זיך פאַר דעם אויבערשטען.

אַזוי זאָגן די בעלי התוספות ("מושב זקנים", פרשתינו) אויף דעם וואָס משה האָט געהאַט שוועריגקייטן צו פאַרשטיין דעם שיעור פון "מחצית השקל", און דער אויבערשטער האָט איהם געוויזן אַזוי ווי אַ מטבע פון פייער. איז שווער, פאַרוואָס האָט משה זיך געפלאָגט צו פאַרשטיין דעם "מחצית השקל"? ער האָט דאָך געוואוסט אַז אַ שקל באַשטייט פון צוואָנציג "גרה" ("עשרים גרה השקל").

ענטפערן די בעלי התוספות, אַז משה האָט זיך געוואונדערט וואָס קען שוין דער מענטש געבן "כופר נפש" (זיך צו אויסלייזן). האָט דער אויבערשטער איהם געזאָגט, יאָ! אפי' אַזאַ קלייניגקייט קענען זיי געבן פאַר דעם אויבערשטען.

דער יצר הרע טענה'ט מיט'ן מענטש: וואָס האָסטו זיך צו נעמען צו עבודת השם? אפי' אויב דו וועסט גיין אין בית המדרש, וועסטו דאָך סיי-ווי נישט לערנען מער ווי אַ שעה אָדער צוויי, וואָס האָט סיי-ווי נישט אַ ווערד ביי דעם אויבערשטען. נאָר דאָס לערנען 18 שעה אַ מעת לעת, מיט גרויס התמדה, איז באַווילִיגט פאַר דעם אויבערשטען, און דאָס קענסטו דאָך ממילא נישט באַוויזן... איז דאָך בעסער אַז דו זאָלסט אינגאַנצן נישט גיין לערנען?...

אַזעלכע געדאַנקען ווערן באַצייכנט דורך ערליכע אידן, אַלס די קליפה וואָס הייסט "אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט...". אַזאַ קליפה איז ליידער זייער שווער אויסצורייסן פון הארץ.

**ו.** דער גאון רבי נתן צבי פינקל זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, איז אין זיינע לעצטע יאָרן ליידער געווען אַ גרויסער בעל יסורים רח"ל. יעדער ריר, איז איהם אָנגעקומען גאָר שווער. מיט גרויס מסירות נפש, איז דער ראש ישיבה אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט כדי אויסצוהאַלטן פינאַנציעל די ישיבה. ווען ער איז געווען אין דער היים, אין ירושלים, האָט ער מיט מסירות נפש געזאָגט שיעורים אין היכל פון דער ישיבה, ביי יעדער מעגליכער געלעגנהייט.

אַמאָל ווען ער איז שוין אַריינגעקומען אין ישיבה צו זאָגן דעם שיעור (מ'האָט איהם שוין געזעצט אויף זיין אָרט), האָט הג"ר נתן צבי ליידער נישט געקענט עפענען דאָס מויל, אַרויסצוזאָגן אַפילו אַ וואָרט. ער האָט געפּרובט עטליכע מאָל, מיט איבערמענטשליכע כוחות, אָנצוהייבן דעם שיעור. זעהענדיג אַז "עס גייט נישט", האָט רבי נתן צבי זצ"ל געוויזן מיט די הענט, מ'זאָל איהם ברענגען אַ פעדער און אַ שטיקל פּאַפּיר. ער האָט געשריבן אויפ'ן פּאַפּיר: "ניסיתי"... "איך האָב פּרובירט...".

שווער פרנסה, אָבער ער נוצט אויס יעדע איבעריגע מינוט צו לערנען, ווען נאָר ער האָט די מעגליכקייט דערצו.

**אַזוי** זאָגט דער "שפת אמת" (פ' תרומה תרל"א), פון איין זייט, זאָגן חז"ל (מובא ברש"י, שמות כה, מ) אויפ'ן פסוק "וראה ועשה בתבניתם אשר אתה מראה בהר", אַז משה רבינו ע"ה האָט זיך געפּלאָגט צו מאַכן די מנורה, ביז דער אויבערשטער האָט איהם געוויזן אַ מנורה געמאַכט פון פייער. פון דער אַנדערער זייט, זאָגן חז"ל (מנחות כט.) אויף דעם פסוק "מקשה תיעשה המנורה", אַז משה רבינו ע"ה האָט זיך געפּלאָגט צו מאַכן די מנורה, און דער אויבערשטער האָט איהם באַפוילן אַריינצוּוואַרפן דאָס זילבער אינעם פייער, און די מנורה וועט געמאַכט ווערן פון זיך אַליין (און אַזוי איז טאַקע געווען).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אויב ס'איז צום סוף געמאַכט געוואָרן פון זיך אַליין, ווייל משה רבינו ע"ה האָט עס נישט געקענט אַליין מאַכן, נו פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער איהם קודם געוויזן אַ מנורה פון פייער, אַז ער זאָל מאַכן אַזאַ מנורה?

**ענטפערט** דער "שפת אמת", אַז דורכ'ן רצון פונעם מענטש מיט'ן גאַנצן האַרץ, ווערט פאַרטיג דאָס איבעריגע וואָס ער איז נישט ביכולת צו טוהן. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער געוויזן פאַר משה אַ מנורה פון פייער, עס זאָל וועלן אַזוי טוהן, און וויבאַלד ער האָט געוואָלט, האָט ער שוין אויפגעטוהן אַז עס זאָל געמאַכט ווערן פון זיך אַליין, דורך דעם וואָס ער וואַרפט אַריין דאָס זילבער אינעם פייער.

**זאָגט** דער "שפת אמת", אַז דאָס זעלבע איז מיט'ן קיום המצוות פון יעדן איד. דער מענטש איז אַוודאי נישט אימשטאַנד צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, אָבער לויט דעם מענטשן'ס רצון, ווערט עס צוגעענדיגט פון זיך אַליין. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער געוויזן פאַר משה אַ מנורה געמאַכט פון פייער, כדי ער זאָל וויסן פונקטליך וואָס דער אויבערשטער וויל, און וויבאַלד ער האָט געוואָלט טוהן דעם באַשעפער'ס רצון, נאָר עס איז געווען העכער זיינע כוחות, איז עס צום סוף געמאַכט געוואָרן פון זיך אַליין, ע"כ.

**שים שלום - מחלוקת איז ארגער ווי עבודה זרה**

**אויף** דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לב, לה) "העגל אשר עשה אהרן", פרעגט דער "חתם סופר" זי"ע (געברענגט אין ספר "ליקוטי חבר בן חיים", אַנהייב פרשת כי תשא), לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט אהרן געמעגט מאַכן דעם עגל, צוליב דעם חשש אַז אויב ער וועט נישט מאַכן דעם עגל, וועלן די אידן איהם אומברענגען (אַזוי ווי זיי האָבן גע'הרג'עט חור). די עבירה פון עבודה זרה איז דאָך "ביהרג ואל יעבור"? דאָס הייסט, מ'דאַרף זיך לאָזן הרג'ענען, און נישט דינען עבודה זרה.

**ענטפערט** דער "חתם סופר", אַז אהרן הכהן האָט געזעהן אַז אפילו אויב ער וועט זיך אַנטקעגנשטעלן און זיי וועלן איהם אומברענגען, וועט נאָך אַלץ בלייבן אַ פלאַקערדיגע מחלוקת צווישן די אידן. יעדער איינער האָט דאָך פאָרגעשלאָגן אַן אַנדערע עצה וואָס צו טוהן ווען משה איז נישט געקומען צו די זעקסטע שעה (לויט זייער חשבון), און זיי האָבן געמיינט אַז ער איז נסתלק געוואָרן. ממילא, האָט אהרן געטראַכט אַז אפי' אויב משה וועט צוריקקומען דעם מאָרגנדיגן טאָג, וועלן די אידן זיך ווייטער אַרומקריגן, און דאָרט וואו עס איז דאָ מחלוקת, קען אויך משה רבינו ע"ה נישט העלפן, ווי רש"י זאָגט ביי די מחלוקת פון קרח (במדבר טז, ד) "נתרשלו ידיו", די הענט פון משה רבינו זענען געוואָרן אָפּגעשוואַכט.

**צוליב** דעם האָט אהרן אַליין געמאַכט דעם עגל, כדי עס זאָל הערשן שלום ושלוה צווישן אידן, און אויב ווען משה וועט קומען דעם קומענדיגן טאָג, וועט זיין שלום צווישן די אידן, וועט ער אין איין מינוט אויסרייסן פון זיי דאָס שלעכטס.

**אַזוי** האָט טאַקע פאַסירט, ווי דער פסוק זאָגט, אַז אהרן האָט גענומען דעם עגל און עס אַריינגעוואָרפן אין פייער, און עס איז אינגאַנצן צושטויסן געוואָרן, און קיינער האָט נישט געזאָגט אַפילו אַ וואָרט.

---

פון דעם זעהען מיר, ווי די גדולי ישראל האָבן שטענדיג געוואוסט אַז דער מענטש דאַרף נאָר טוהן לויט זיינע כוחות. דער מענטש דאַרף פּרובירן, און דאָס איבריגע, ענדיגט-צו דער אויבערשטער...

קומט אויס אַז אהרן האָט אויסגעוויילט ענדערש צו "עבירה לשמה"), אויבנאויף, כדי עס זאָל זיך חלילה נישט זיין אַ "סניף" צו די עבודה זרה (טוהענדיג אַן פאַרמערן מחלוקת ביי אידישע קינדער׳. טאַקע אַלס

---

**ז.** אין שאלות ותשובות אפרקסתא דעניא (סימן קסה) ברענגט הגאון מוה"ר דוד שפערבער זצ"ל אבד"ק בראשוב, אַז אַ בן תורה האָט מעתיק געווען פאַר איהם פון אַ ספר, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין דער שטאָט קעמפנא, אַז עס איז געקומען אַהין אַ חזן, אַ רשע, וואָס די שטאָט לייט האָבן איהם אויסגעקליבן. דער רב הגאון ר׳ יוסף שמואל ז"ל, האָט געשריגן קעגן דעם חזן, און עס האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת אין שטאָט. האָט דער גאון ז"ל זיך מתייעץ געווען מיט הגה"צ ר׳ יוסף מפוזנא ז"ל, שרייבענדיג בזה הלשון: דער דאָזיגער שמעון (אַזוי האָט דער חזן געהייסן), דרש׳ענט "כל אתין שבתורה" (ער מיינט צו זאָגן, ער עסט אַ סאַך), את החזיר וכו׳, אָבער ווען ער איז געקומען צו "את ה׳ אלקיך תירא", האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון דרש׳ענען דעם דאָזיגן "את" (ער האָט נישט אַפילו אַ האָר יראת שמים).

האָט דער פּאָזנער רב צוריקגעשריבן צום קעמפנער רב: מוטב להעמיד צלם בהיכל, מלהחזיק במחלוקת, ס׳איז בעסער אַריינצושטעלן אַ צלם אין היכל ח"ו, ווי איידער אָנצוהאַלטן מחלוקת ביי אידן.

ביי אַ געוויסע מחלוקת וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן צוויי גרויסע רבי׳שע הויפן בימיו, האָט דער דזשיקוב׳ער רב, הרה"ק בעל אמרי נועם זצ"ל (וועלכער איז געווען נאָענט בקירבת משפחה מיט איינע פון די צדדים) זיך געהיטן נישט אַריינגעצויגן צו ווערן אין די מחלוקת, און ער האָט געזאָגט דערויף אַ משל, צו אַ לייב וואָס איז געווען הונגעריג, און פון זיין מויל איז אַרויסגעקומען אַ שלעכטער ריח.

איז דאָרט דורכגעגאַנגען אַ פערד, און דער לייב פרעגט דעם פערד: וואָס פאַראַ ריח קומט אַרויס פון מיין מויל? ענטפערט דער פערד, אַ שלעכטער ריח. איז דער לייב געוואָרן אין כעס, אַזוי רעדט מען צום מלך? און ער האָט איהם צעריסן אויפ׳ן אָרט.

שפּעטער איז דורכגעגאַנגען אַ וואָלף, און הערנדיג וואָס עס האָט פּאַסירט מיט׳ן פערד, האָט ער געענטפערט פאַר׳ן לייב, אַז פון זיין מויל קומט אַרויס אַ ריח פון אַ זיסן טעם. שרייט דער לייב: "ביזט אַ ליגנער!", און ער האָט אויך איהם גלייך צעריסן. שפּעטער איז געקומען דער פוקס, וועלכער איז געווען קלוג, און אויף די פראַגע פונעם לייב וואָס עס שפּירט זיך פון זיין מויל, האָט דער קלוגער פוקס געענטפערט:

- אדוני המלך, מיין נאָז איז פאַרשטאָפּט, און איך קען נישט שמעקן... - און אַזוי איז דער פוקס געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

האָט דער "אמרי נועם" אויסגעפירט דעם נמשל: ביי יעדע מחלוקת איז די הצלחה, נישט אַריינצושמעקן דערין. בסודם אל תבא נפשי, ובקהלם אל תחד כבודי.

הרה"ק רבי העניך פון אלעקסאנדער זצ"ל (מובא בספר חשבה לטובה, ליקוטים) האָט געטייטשט דעם פּסוק "בסודם אל תבא נפשי, מענטשן זאָגן, די מחלוקת איז על פי סוד, צווישן העכערע מענטשן, בעט זיך יעקב אבינו, "בסודם אל תבא נפשי, אַפילו אויב זייער כוונה על פי סוד איז אַז זיי זענען גערעכט, פונדעסטוועגן זאָל זיין נאָמען נישט דערמאנט ווערן ביי די מחלוקת.

אין דער תקופה פון הרה"ק בעל שפתי צדיק מפילץ זצ"ל האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת אין אַ שטעטל פשעכוב, צווישן צוויי אידן וואָס זענען געווען קאַנדידאַטן וואָס האָבן געוואָלט אויפגענומען ווערן דאָרט אַלס שוחטים.

די צוויי שוחטים אַליין זענען געווען חסידים ואנשי מעשה, בעלי מדות טובות, אָבער צווישן די מענטשן אַרום זיי, איז געוואָרן צוויי פּאַרטייען, און עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע קריגעריי. האָט איינער פון די צוויי שוחטים, וועלכער איז געווען אַ פּילצער חסיד, געשיקט אַ טעלעגראַם צום רבי׳ן, מיט דער אָנפראַגע וואָס ער זאָל טוהן.

האָט דער "שפתי צדיק" צוריקגעשריבן: מחלוקת איז אַ פייער, און פון אַ פייער אַנטלויפט מען. נעם דיינע פּיס, און אַנטלויף תיכף ומיד פון דאָרט.

בטעות איז דער בריוו אָנגעקומען צו אַן אַנדערן איד, וועלכער איז געווען פון די מחרחרי ריב אין שטאָט, און ער נישט איבערגעגבן דעם בריוו פארן שוחט. ליידער, איז דער שוחט, דער ערליכער פּילצער חסיד - נישט באַקומענדיג דעם בריוו - נישט אָפּגעשטאַנען פון די מחלוקת, און ער איז ביז עטליכע טעג אוועק פון דער וועלט

שכר פאַר זיין מסירות נפש, האָט דער אויבערשטער - דער "בוחן כליות ולב" - אויסגעוויילט אהרן'ען צו דינען אַלס "כהן גדול"[ח].

**דעריבער**, ווען מ'האָט אויפגעבויט דעם משכן און אהרן האָט זיך דערשראָקן ווען ער האָט געזעהן די געשטאַלט פון אַ קאַלב אויף'ן מזבח, האָט

---

רח"ל. דערציילט מען, אַז עד היום הזה קענען די אָפּשטאַמיגע פון דעם שוחט נישט מוחל זיין פאַר די משפּחה פון יענעם מחרחר ריב, וואָס ער האָט נישט איבערגעגעבן פאַר דעם שוחט דעם בריוו פון פילצער רבי'ן.

מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט די ווערטער פון של"ה הקדוש (שער האותיות, בריות, אות יד), דער איסור פון מחלוקת איז אפילו במשהו, ווייל פון איין פונק צעשפּרייט זיך דאָס פייער רח"ל, עס איז אַ פייער וואָס פאַרלענדט.

שרייבט ער ווייטער: ושמעתי משארי הגאון המופלג מוה"ר פנחס סג"ל ז"ל, אַז ווען מען באַטראַכט דאָס וואָרט "מחלוקת", זעהט מען אַ חילוק צווישן די אותיות. דער אות מ' איז אַביסל אָפּן (ווי די גמרא זאָגט אין מסכת סנהדרין דף ז', האי תיגרא דמי לצינורא דמיא, כיון דרווח רווח), ח' איז אינגאַנצן אָפּן. ל' גייט אַרויף, און ק' גייט אַראָפּ. דאָס איז מרמז, אַז יעדע מחלוקת הייבט זיך אָן מיט עפּעס - יענער האָט עפּעס געזאָגט, און טאָמער פאַרמאַכט מען נישט באַלד די מחלוקת, ווערט עס אָפּן ווי אַ ח', און שפּעטער דער ל', אַ שטרעכל אַרויף, די מחלוקת פלאַקערט אַרויף העכער און העכער, און דערנאָך ק', אַ שטרעכל אַראָפּ, די מחלוקת ברענט שוין פון הימל ביז דער צו ערד, עס פלאַקערט פון ביידע זייטן, ביז עס קומט צו ת', עס שטייט שוין גוט אויף די פיס. די ו' אינמיטן איז אַ משענת המטה, וואָס קען אָנהאַלטן די מחלוקת. עס מוז דאָך זיין אַ סיבה פאַרוואָס די מחלוקת האָט אויסגעבראָכן, אַ ביזנעס, וכדומה, עפּעס מוז דאָך זיין אַ סיבה, און דאָס איז דער וא"ו הדמיון.

פירט אויס דער שלה"ק, אבל זה המטה נהפך לנחש, דאָס קליינע שטעקעלע וואָס איז געווען די סיבה פאַר די מחלוקת, ווערט שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַנג, דערפאַר, איז דער וואָס האָפט זוכה צו זיין צו זעהן די שכינה, זאָל ער אַנטלויפן פון דער זוהמת הנחש און ער זאָל זיך דערווייטערן פון מחלוקת אַפילו פון אַ קליינעם טראָפּן. ער פירט אויס: דער עון פון מחלוקת איז ערגער ווי די עבירה פון עבודה זרה, אַזוי ווי מיר געפינען ביי אחאב און שאול, ע"כ.

דער רמב"ם ז"ל שרייבט אין אַ בריוו צו זיין זון רבי אברהם ז"ל: אל תשקצו את נפשותיכם במחלוקת המכלה הנפש והגוף והממון, ומה נשאר עוד, און ער שרייבט ווייטער: איך האָב געזעהן ווייסע זענען שוואַרץ געוואָרן, און ווייניגע זענען ווייניגער געוואָרן, און משפּחות זענען צוגעטשעפּעט געוואָרן, און שרים זענען אַראָפּגענידערט געוואָרן פון זייער גרויסקייט, און גרויסע שטעט זענען אויפגעטרייסעלט געוואָרן, און קיבוצים פון אידן זענען צוטיילט געוואָרן, און באַגלויבטע מענטשן זענען פאַרלוירן געגאַנגען, און מכובד'יגע מענטשן זענען פאַרשעמט געוואָרן, אלעס צוליב דער סיבה פון מחלוקת. נביאים האָבן געזאָגט נביאות, און די חכמים האָבן געזאָגט דברי חכמה, און די פילאָסאָפן האָבן געזוכט און דערציילט וועגן דאָס שלעכטס פון מחלוקת, אָבער זיי האָבן נישט דערגרייכט דעם תכלית דערפון. צוליב דעם זאָלט איר פיינט האָבן מחלוקת, און אַנטלויפן דערפון, און זיך דערווייטערן פון אַלע זיינע ליבהאָבער און אויסלייזער און פריינט...

**ח.** צוויי רייכע אידן האָבן געוואוינט איינער נעבן דעם אַנדערן. אין אַ שיינעם טאָג, איז געקומען אַ פידלער, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין הויף צווישן ביידע רייכע שכנים, און געשפּילט מיט זיין פידל שיינע געזאַנגען. ביידע רייכע שכנים, זענען געזעסן און זיך צוגעהערט צו זיין פידל-שפּילן, האָבנדיג דערפון גרויס פאַרגעניגן.

נאָך דעם ווי דער פידלער האָט געענדיגט שפּילן און האָט פאַרלאָזט דאָס אָרט, האָט אויסגעבראָכן אַ וויכוח צווישן ביידע רייכע שכנים. יעדער איינער פון די צוויי עשירים, האָט גע'טענה'ט אַז דער פידלער האָט געשפּילט לכבוד איהם... ביידע האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס, ברענגענדיג פאַרשידענע "ראיות" אַז ער איז גערעכט, און פאַרוואָס ער איז דער וואָס האָט פאַרדינט אַז פאַר זיין כבוד, זאָל מען שפּילן מיט'ן פידל.

נישט קענענדיג זיך דורכקומען, זענען זיי אַריבערגעגאַנגען צום גאון בעל "נודע ביהודה" זצ"ל, ער זאָל "פּסק'ענען" ווער עס איז גערעכט. דער "נודע ביהודה" האָט פאַרלאַנגט פון די צוויי רייכע בעלי דין 200 רענדלעך - פון יעדן איינעם פון זיי, 100 רענדלעך - "פּסק געלט". ער האָט זיי געהייסן קומען צומאָרגנס אינדערפרי, ווען ער וועט אַרויסגעבן דעם "פּסק".

ווען די צוויי רייכע "בעלי דינים" זענען צומאָרגנס געקומען צום רב, האָט דער "נודע ביהודה: געזאָגט:

דער איבערשטער איהם געזאגט: "למה אתה בוש", פאַרוואָס שעהמסטו זיך? "לכך נבחרת" - דו ביזט אויסגעקליבן געוואָרן טאַקע דערפאַר ווייל דו האָסט געוואָלט ראַטעווען כלל ישראל פון מחלוקת, דורך דעם וואָס דו האָסט געמאַכט דעם עגל.

**מדה** טובה מרובה, ווען מען איז באחדות איז עס מסוגל צו אַלע השפעות טובות. אזוי ברענגט דער "שם משמואל" זצ"ל (פ' תשא, שנת תער"ב) וועגן דעם וואָס די כהנים האָבן זיך מטהר געווען מיט'ן וואַסער פונעם "כיור". שרייבט דער "שם משמואל", דער תרגום יונתן זאָגט (פ' פקודי) אַז דער כיור איז מרמז אויף דעם ענין פון תשובה, ווייל דער פסוק זאָגט (ישעיה א', טז) "רחצו הזכו, הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני, חדלו הרע".

**באמת,** איז זייער שווער פאַר'ן מענטש וואָס איז ליידער פאַרשמירט פון עבירות, תשובה צו טוהן פון טיפן האַרצן, ווייל די עבירה איז מטמטם דאָס האַרץ פונעם מענטש, און לאָזט איהם נישט תשובה טוהן (יומא לט.). אויף דעם דאַרף דער מענטש האָבן אַ הילף פון זכות הרבים, און וועגן דעם זאָגט די גמרא (שם פו:) אַז אַ יחיד וואָס טוט תשובה, איז מען מוחל פאַר איהם און פאַר די גאַנצע וועלט, ווייל אַלע אידן האָבן אַ חלק אין זיין תשובה (נאָר אין זכות פונעם רבים, האָט ער געקענט תשובה טוהן). אָבער וויבאַלד ער האָט געזינדיגט, איז ער ליידער אָפּגעשיידט געוואָרן פון כלל ישראל, און פונקט ווי ארץ ישראל שפייט-אויס די מענטשן וואָס זינדיגן, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא יח, כח) "כאשר קאה את הגוי אשר לפניכם", אַזוי ווערט דער בעל עבירה חלילה אויך אויסגעשפיגן פון כלל ישראל.

**זאָגט** דער "שם משמואל", דער עצה פאַר'ן מענטש וואָס האָט געזינדיגט, ער זאָל נישט קוקן אויף גאָרנישט, נאָר ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט'ן ציבור, ווי מיר זאָגן, "ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם", און כאָטש ער האָט זיך נאָך נישט אָפּגעוואַשן פון זיין שמוץ, אָבער וויבאַלד ער וויל זיין אין כלל פון דעם ציבור, טוט דער כלל ישראל איהם מער נישט אויסשפייען, ווי מיר געפינען ביי די סממנים פון קטורת, אַז עס האָט זיך דאָרט אויך געפונען דער "חלבנה", וואָס האָט געהאַט אַ שלעכטן ריח.

**דאָס** איז דער ענין פון די מצוה צו געבן אַ מחצית השקל, וואָס אַלע אידן פאַרבינדן זיך צוזאַמען אָנצוהייבן פונדאַסניי די עבודה, און דאַן העלפט דער זכות הרבים פאַר יעדן איינצעלנעם איד, ער זאָל קענען תשובה טוהן און זיך אָפּוואַשן פון די עבירות, ווי דער פסוק זאָגט, "רחצו הזכו" וגו', עכ"ל.

**דער** "אלשיך" הקדוש (פרשתינו) ברענגט אין נאָמען פון הגה"ק רבי שלמה אלקבץ זי"ע (מגדולי צפת, און דער מחבר פון דעם פיוט "לכה דודי"), אַ טעם פאַרוואָס די תורה האָט באַפוילן צו געבן נאָר אַ האַלבן שקל, כדי אונז צו לערנען, אַז יעדער יחיד איז נישט מער ווי אַ "האַלבער" מענטש ("מחצית"). ער ווערט גערעכנט אַלס אַ גאַנצער מענטש, אַן "אדם השלם", נאָר דעמאָלטס ווען ער פאַראייניגט זיך מיט אַ צווייטן איד[ט], און צוזאַמען, ברענגען זיי אַ קרבן'.

- לויט מיין מיינונג, איז דער פידלער געקומען, נישט פאַר'ן ערשטן, און נישט פאַר'ן צווייטן... דער גאַנצער ציל פון זיין קומען, איז געווען פאַר מיר... ווייל דורך דעם האָב איך פאַרדינט די 200 רענדלעך, וואָס מ'האָט פאַר מיר אָפּגעשריבן אין הימל אָנהייב יאָר...

דער "נודע ביהודה" האָט מסתמא געמיינט צו זאָגן, זיי זאָלן זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע נאַרישע "דין תורה'ס", פון כבוד המדומה, ווייל דער פידלער איז באמת געקומען שפילן אין זייער הויף, אָן אַ ספּעציעלע כוונה... (עס איז איהם מסתמא דאָרט געווען באַקוועם צו זיצן...).

אַזוי איז עס ביי יעדע קריגעריי צווישן צוויי צדדים. יעדער איינער פון די צוויי צדדים טענה'ט, "כולה שלי", און זיי קענען זיך נישט פאַרגלייכן. דער אמת איז אָבער, אַז דער אויבערשטער פרובט זיי אויס, צו זיי וועלן זיך האַלטן שטאַרק און וועלן נישט נכשל ווערן אין די מחלוקת. אַלעס פּאַסירט נאָר כדי דער מענטש זאָל זיך שטאַרקן און ביישטיין דעם נסיון. דאַן לאָזט ער זיך אָפּ פון אַלע קריגערייען, ווייל ער ווייסט אַז עס האָט נישט קיין ממשות.

**ט.** דער גאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, בעל "שבט הלוי", האָט אַמאָל געפרעגט הרב הגאון רבי יעקב איידלשטיין זצ"ל (וועלכער איז געווען באַקאַנט אַז זיינע ברכות ווערן מקוים), ווי אַזוי ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ כח פון

**פרשת פרה - בזמן הזה ווערן מיר ווערן געריינִיגט דורך לייענען די פרשה**

**היינטיגן** שבת, לייענען מיר אין דער תורה די פרשה פון פרה אדומה, אין פרשת חוקת.

**די** קריאה פון פרשת פרה, איז מעורר די זעלבע פעולה פון טהרה, וואס איז געטוהן געווארן דורך די פרה אדומה אין צייט ווען עס איז געשטאנען דער בית המקדש, ווי דער ירושלמי זאגט (מגילה פ"ג ה"ה, מובא ברש"י מגילה כט.) אַז באמת וואלט מען געדאַרפט לייענען פרשת החודש אַ שבת פריער פאַר פרשת פרה, ווייל דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן ראש חודש ניסן, און אַ טאָג שפּעטער, אין צווייטן טאָג פון חודש, האָט מען פאַרברענט די פרה אדומה. נאָר מ'לייענט ערשט פרשת פרה, ווייל עס איז גורם "טהרתן של ישראל", די ריינִיגונג פון אידישע קינדער (ער זאָגט דאָס לשון, "שהיא טהרתן של ישראל, זעהט מען פון דעם אַז עס גייט אַרויף אויפ'ן עצם לייענען, און נישט אויף דעם קיום המצוה בפועל)" א.

**עס** שטייט אין ספה"ק "עבודת ישראל" (פ' פרה, ד"ה "והנה בשבת פרשת פרה"), אַז אין דער צייט ווען מיר האָבן נישט דעם בית המקדש, זענען אונזערע דיבורים (תורה ותפלה) באַוויליגט פאַר דעם אויבערשטען, גלייך ווי מיר וואָלטן מקיים געווען און מקריב געווען די קרבנות. אויך די הזאה וואָס מ'האָט געדאַרפט שפּריצן אין דריטן טאָג און אין זיבעטן טאָג, אָבער דורך דעם וואָס מ'לייענט די פרשה (בזמן הזה), טוט מען זיך על כל פנים ריינִיגן מיט אַ רוחניות'דיגע טהרה לכבוד דעם יום טוב (פסח) וואָס גייט אָנקומען בעזהי"ת.

**זאָגט** דער "עבודת ישראל", אַז דאָס איז מרומז אין פסוק (במדבר יט, א-ב) "וידבר ה' אל משה ואל אהרן וגו', זאת חוקת התורה אשר צוה ה' לאמור". עס וועט קומען אַ צייט ווען עס וועט זיין גענוג צו זאָגן ("לאמור"), ווייל אין דער צייט ווען עס איז נישטא דאָ אַ בית המקדש, איז דאָס לייענען די פרשה פון פרה אדומה, אנשטאט די מעשה הקרבן און די הזאה בפועל.

**דער** זמן (ווען מ'לייענט די פרשה פון פרה אדומה) איז טאַקע אַ גורם דערצו, ווי עס שטייט אין ספה"ק "חסד לאברהם" (עין הקורא, מעין השני, נהר נז, און אַראָפּגעברענגט אין "ערבי נחל", פ' שמיני) אַז יעדן טאָג פון די 30 טעג צווישן פורים און פסח, נעמט דער אויבערשטער אַרויס יעדן איד, אַ דרייסיגסטעל חלק פון די מ"ט שערי טומאה, און ער הייבט אויף יעדן איד פון איין מדרגה צו דער

---

הימל, אַז אַלע זיינע ברכות און תפלות ווערן אָנגענומען. לכתחילה, האָט הרב איידלשטיין פּרובירט אָוועקמאַכן דאָס ענין, און געפרעגט: "פון וואו נעמט איר, אַז מיינע ברכות העלפן?...". אָבער זעהענדיג אַז הרב וואָזנער נעמט נישט אָן זיינע "תירוצים", האָט הרב איידלשטיין געזאָגט:

- גאַנץ מעגליך אַז דאָס איז 'מדה כנגד מדה'. עס קומען צו מיר אַ סאַך מענטשן, און איך הער אויס יעדן יחיד מיט אַ געוואַלדיגע סבלנות. קיינער פאַרלאָזט נישט מיין הויז, איידער איך האָב איהם אויסגעהערט מיט אַן 'אוזן קשבת'. וועגן דעם זאָגט מען אויך אין הימל: 'מיר וועלן הערן מיט סבלנות אַלע דיינע ווערטער, און מיר וועלן ערפילן דיינע בקשות און תפלות".

**י.** פונדעסטוועגן, דאַרף מען זיין געוואָרנט זיך צו חבר'ן נאָר מיט גוטע חברים, ווייל אַ שלעכטער חבר קען, חלילה, אַריינשלעפּן דעם מענטש אין שאול תחתיות רח"ל, ווי די משנה זאָגט (אבות פ"א, מ"ז) "הרחק משכן רע, ואל תתחבר לרשע". דו זאָלסט זיך דערווייטערן פון אַ שלעכטן שכן, און באַהעפט זיך נישט מיט אַ רשע.

די ספרים זאָגן אַ רמז אין לשון פון די משנה (שקלים פ"א, מ"א) "באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים". די צוויי זאַכן, שקלים און כלאים, זענען געשטעלט געוואָרן צוזאַמען אין די משנה, אונז צו לערנען, אַז איינער אָן דעם אַנדערן איז נישט גענוג, און כאָטש מ'רופט אויס אויף גאַנצע שקלים, צו לערנען אונז אַז דורך אחדות קומט אַרויס אַ גאַנצער שקל (ווי דער "אלשיך" ברענגט פונעם רמ"ק), אָבער אין זעלבן אָטעם, לאָזט מען אונז תיכף הערן וועגן דעם איסור פון "כלאים", אַז מ'דאַרף זייער שטאַרק אַכטונג געבן אַז דער גוטער זאָל נישט האָבן אַ שייכות מיט שלעכטע מענטשן. עס זאָל נישט זיין אַן "אויסמישונג" פון "כלאים".

**יא.** פון דעם לערנען מיר אַ טיפן לימוד, אַז די חז"ל האָבן מקדים געווען דאָס לייענען פרשת פרה, ווייל אַזוי דאַרף זיין דער "סדר" ביי אידן: מ'דאַרף זיך קודם מטהר זיין, און ערשט דערנאָך גייט מען צו, צו די אַנדערע זאַכן.

אַנדערער, אַזוי ווי ער האָט אַרויסגענומען די אידן פון מצרים בימים ההם, ע"כ[יב].

**עס** שטייט אין ספה"ק "בית אהרן" (דף קמד.) "צריך להאמין" - מ'דאַרף גלייבן, אַז פונקט ווי מ'האָט זיך געריינִיגט מיט'ן אַש פון די פרה אדומה, צו קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח, אַזוי ריינִיגט מען זיך בזמן הזה דורך לייענען פרשת פרה, יעדער איינער לויט זיין בחינה אין קדושה, עכ"ל.

**דער** "שפת אמת" (פ' פרה סוף שנת תרמ"א) שרייבט, אַז דער זמן העלפט פאר די טהרה. ווייל אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, זענען אַלע אידן געוועזן פאַרנומען אין די טעג, זיך צו ריינִיגן צו קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח. "לכן הזמן מבקש תפקידו" - וועגן דעם פאָדערט די צייט איר אויפגאַבע. "ומסייע לטהרת הלב גם עתה" - און עס העלפט ריינִיגן דאָס האַרץ אויך איצט (ווען מיר האָבן נישט אַ בית המקדש)[יג].

**אַזוי** שרייבט דער "ערוך השלחן" (סי' תרפ"ה ס"ז), אין די פרשה פון פרה אדומה, שטייט צוויי מאָל די ווערטער "לחוקת עולם" (אין פסוק י, און אין פסוק כא). איין פסוק "לחוקת עולם" גייט אַרויף אויף די ערשטע דורות באַלד נאָכ'ן חורבן הבית, אַז אויך נאָכ'ן חורבן קען

---

**יב.** הרה"ק רבי מאיר'ל פּרעמישלאַנער זי"ע האָט געזאָגט, אויף די ווערטער פון זוהר הקדוש (ח"ב, קפג:) אַז מצה ווערט אָנגערופן "מיכלא דאסוותא" (אַ מאכל פון רפואה). פונקט ווי ווען אַ מענטש ליידט אַ קערפּערליכע קראַנקהייט ל"ע און מ'דאַרף איהם אָפּערירן חלילה, דאַרף ער פאַסטן עטליכע שעה פאַר דער אָפּעראַציע וואָס מ'פירט אַדורך, אַזוי אויך פאַר דעם יום טוב פסח, ווען מיר עסן מצה (וואָס איז, ווי געזאָגט, אַ "מעדיצין" פאַר די "חולי הנפש" פון מענטש), דאַרף מען "פאַסטן", דורך דערווייטערן זיך פון שלעכטע תאוות, כדי דער "מעדיצין" - די מצה - זאָל קענען משפיע זיין אַ רפואה שלימה ברוחניות.

לויט דעם, קען מען אפשר זאָגן אַ כוונה אין די ווערטער פון הייליגן "בני יששכר" זי"ע (אדר, מאמר ד', אות י') וואָס ער פאַרענטפערט די קשיא פון די פוסקים (טור או"ח סי' תל"ב) פאַרוואָס מ'מאַכט נישט די ברכה "שהחיינו" אויף די מצוה פון בדיקת חמץ. ענטפערט דער "בני יששכר", אַז מ'מאַכט אַ "שהחיינו" ביים אָנהייב פון זמן הביעור. דאָס איז אין דעם טאָג פון פורים (ווען מ'מאַכט די ברכה "שהחיינו" פאַר'ן לייענען די מגילה).

קען מען זאָגן אַ כוונה דערין, ווייל מ'קען דאָך נישט צוקומען צו די קדושה, אויב מ'ריינִיגט זיך נישט פריער מיט אַ געהעריגע הכנה. וועגן דעם טעם, דאַרף מען שוין פורים אָנהייבן מיט די הכנה צום הייליגן יום טוב פסח. אַזוי זאָגן די חז"ל (פסחים ו.) אַז מ'דרש'ענט שוין די הלכות פון פסח, דרייסיג טעג פאַר יום טוב, וואָס פורים איז גענוי 30 טעג פאַר פסח. (אַזוי האָבן אַ סאַך צדיקים זיך טאַקע געפירט, צו לערנען פורים שולחן ערוך הלכות פסח).

**יג.** ס'איז איבעריג צו רעדן וועגן דעם ווי שטאַרק מ'דאַרף זיך דערווייטערן פון זאַכן וואָס מ'טאָר נישט טוהן, און פון די נישט-כשר'ע "כלים". ווייל ווען דער מענטש ווערט נכשל מיט אַן עבירה רח"ל, שטופּט ער דאָך אַוועק די פיס פון די שכינה הקדושה כביכול ח"ו.

אַזוי שרייבט דער "כלי יקר" (ויקרא יא, מד), אויפ'ן פסוק "ולא תטמאו בהם ונטמאתם בם", וואָס לויט די מסורה, שטייט "ונטמתם" אָן אַן אל"ף, אונז צו לערנען, אַז אויב דער מענטש איז נכשל געוואָרן מיט עבירות (וואָס ווערט דאָרט דערמאנט פריער אין פרשת שמיני) ווערט אָפּגעטוהן פון איהם דער אות אל"ף, וואָס איז מרמז אויפ'ן באַשעפער, דער "אלופו של עולם", מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

דאָס איז דער עיקר תכלית פון יעדן מענטש אויף דער וועלט - זיך צוריקצוהאַלטן פון תאוות, ווי אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרה"ק ישראל "הינוקא" מסטאלין זי"ע, באַקאַנט אויך אַלס דער "פראַנקפורטער" (ווייל מנוחתו כבוד איז אין פראַנקפורט, דייטשלאַנד) אויפ'ן פסוק (דברים טז, ח) "עצרת לה' אלקיך". "עצרת" איז פון לשון איינהאַלטן. דאָס הייסט, דער גאַנצער איד איז איין "איינהאַלט". דאָס איז דער גאַנצער מהות פון אַ איד, צו קענען זיך איינהאַלטן, און זאָגן "ניין" צו זיין יצר הרע, און נישט לאָזן זיך נאָכשלעפּן דעם יצר, אַזוי ווי אַ בלינדער ח"ו.

אַזאַ אויפפירונג איז אויך מסוגל פאַר פרנסה, ווי דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, זאָגט ("בית אברהם", לשמיני עצרת), אויף די ווערטער פון די חז"ל (סנהדרין צ.) אַז דער אויבערשטער פירט זיך מיט'ן מענטש "מדה כנגד מדה". זאָגט דער "בית אברהם", דער אויבערשטער פירט זיך מיט'ן מענטש מיט אַ מאָס פון "כנגד" - פאַרקערט

מען זיך רייניגן מיט'ן אַש פון די פּרה אדומה, ווי די גמרא זאָגט (נדה ו:) "חבריא מדכן בגלילא" (אונזערע חברים האָבן זיך גערייניגט אין גליל), ווען זיי האָבן געמאַכט די פּרה אדומה מיט אַלע הלכות און דקדוקים, און זיי זענען דורך איר גערייניגט געוואָרן בפועל ממש. דער צווייטער "לחוקת עולם" לערנט אונז, אַז אויך אין אונזערע דורות, קענען מיר זיך רייניגן מיט'ן אַש פון די פּרה אדומה, ווען מ'לייענט אין דער תורה פרשת פּרה. פון דאָ איז אַ ראיה, אַז די קריאה פון פרשת פּרה בזמן הזה איז דאורייתא, און די טהרה קומט ווען מ'לייענט די פרשה, ע"כ.

**דער** עיקר תכלית פון לייענען פרשת פּרה, איז טאַקע צו רייניגן דאָס האַרץ פון עבירות.

**אַ** ראיה דערצו, ברענגט הרה"ק רבי צדוק הכהן פון לובלין זי"ע, אין ספה"ק "פרי צדיק" (פרשת פּרה, אות ז') פון דעם וואָס נאָך יעדע קריאה זאָגט מען מפטיר אין נביא, אין אַן ענין ענליך צו דעם וואָס מ'האָט געלייענט אין דער תורה. אויב אַזוי, וואָלטן מיר אויך אין פרשת פּרה, געדאַרפט לייענען די הפטרה וועגן טהרה פון טומאת מת, וואָס דאָס איז דער ציל פון דעם אפר פון די פּרה אדומה. אָבער אַז מ'איז זיך מתבונן זעהט מען, אַז די הפטרה פון פרשת פּרה, רעדט נישט וועגן רייניגן זיך פון טומאת מת, נאָר וועגן רייניגן זיך פון עבירות, ווי מיר זאָגן די פסוקים (יחזקאל לו, כה-כו) "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל טומאותיכם ומכל גלוליכם אטהר אתכם, ונתתי לכם לב חדש ורוח חדשה אתן בקרבכם. והסירותי את לב האבן מבשרכם ונתתי לכם לב בשר".

**פון** דעם איז אַ ראיה, אַז דער עיקר טהרה פון פּרה אדומה איז זיך צו רייניגן פון עבירות, און די כוונה פון שפּריצן די "מי חטאת" אויף אַ טמא מת איז געווען צו רייניגן דעם מענטש פונעם חטא עץ הדעת, וואָס האָט גורם געווען טומאה פאַר אדם הראשון, ווייל דורך די עבירה איז געקומען די גזירה פון מיתה אויף דער וועלט. קומט אויס אַז שבת פרשת פּרה, זענען מיר בכח צו פאַררעכטן דעם שורש פון אַלע עבירות.

**אויף** אַן אַנדער אָרט ("פרי צדיק", פּרה, אות א) שרייבט הרה"ק רבי צדוק הכהן זי"ע: "קריאת פרשת פרה מועיל לטהר הלב כסיל בשמאלו, מטומאת היצר הרע". די קריאה פון פרשת פּרה, העלפט צו רייניגן דאָס האַרץ פונעם נאַרישן מענטש פונעם "לינקן", פון די טומאה פונעם יצר הרע.

**דער** "חתם סופר" זי"ע זאָגט (דרשות, לג:, ד"ה "שלהי יומא") אַ טעם פאַרוואָס די תורה האָט אונז באַפוילן מיר זאָלן זיך רייניגן מיט "אפר פרה", כדי מרמז צו זיין פאַר'ן מענטש, ער זאָל תשובה טוהן צו דעם אויבערשטען, דורך דעם וואָס ער האַלט זיך קליין, אַזוי ווי גאָרנישט, "עפר ואפר", ווייל דורך תשובה מיט הכנעה און שפלות הרוח, איז מען זוכה צו טהרה. אויך דאַרף מען פאַרגיסן טרערן מיט אַ צובראָכן האַרץ. אַזעלכע טרערן ווערן גערעכנט פאַר'ן מענטשן ווי ער וואָלט געשפּריצט די "מי חטאת".

**פון** דעם אַלעם זעהען מיר, אַז די טהרה פון פּרה אדומה גייט-אָן שטענדיג, אויך ווען עס איז שוין נישט דאָ אַ בית המקדש.

---

פון זיין אייגענע אויפפירונג. צום ביישפּיל, אויב דער מענטש "פאַרשפּאַרט זיך", ער האַלט זיך איין נישט נאָכצוגעבן די תאוות היצר. ער פאַרמאַכט זיינע אויגן נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, אָדער ער פאַרמאַכט זיין מויל ווען עס קומט איהם אונטער אַ קריגעריי, און דאָס גלייכן, איז ער זוכה אַז דער אויבערשטער "עפנט" פאַר איהם די טויערן פון שפע. אָבער דער מענטש וואָס פירט זיך ברייט, און "עפנט זיך" דורך נאָכגיין זיינע תאוות, איז ער גורם אַ צמצום חלילה פון די שפע, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (במדבר כט, לה) "עצרת תהיה לכם". אויב דער מענטש איז מצמצם און האַלט צוריק זיינע גופניות'דיגע הנאות, איז ער זוכה צו גאָר אַ גרויסן "לכם" - השפעות טובות בגשמיות וברוחניות.

דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע זאָגט ("קדושת לוי", ליקוטים, ד"ה "אותיות") אַ רמז אין דעם וואָס די אותיות סמ"ך עי"ן פ"ה צדי"ק, זענען געשטעלט געוואָרן צוזאַמען אין דעם סדר פון אל"ף-בי"ת. דער אות סמ"ך איז פאַרמאַכט פון אַלע זייטן. דאָס איז מרמז, אויב דער מענטש פאַרמאַכט (אַזוי ווי דער אות סמ"ך) זיינע אויגן ("עין"), נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, און ער פאַרמאַכט אויך זיין מויל ("פה"), נישט צו ענטפערן יענעם ווען ער קריגט זיך מיט איהם און פאַרשעהמט איהם, איז ער אין דער בחינה פון אַ צדיק, עכ"ל.

**זאת חוקת התורה - די בעסטע טהרה איז לימוד התורה**

**דער** "רוקח" (פ' חוקת) שרייבט אויפ'ן פסוק "זאת חוקת התורה", אַז די געזעצן פון דער תורה זענען צוגעגליכנט געוואָרן צו פרה אדומה, פונקט אַזוי ווי פרה אדומה האָט געברענגט טהרה, אַזוי אויך די תורה ברענגט טהרה פאַר די וואָס לערנען איר.

**דער** של"ה הקדוש זאָגט (פ' חוקת, תורה שבכתב, ד"ה "תוכחת מוסר", ד"ה "נוגע במת"), אַז אויך אין דער צייט ווען עס איז נישט דאָ דאָס אַש פון די פרה אדומה, קען דער מענטש זיך מטהר זיין ווען ער איז דבק אין התמדה בתורה, און ער לערנט אַליין און מיט אַנדערע, על מנת לשמור ולעשות ולקיים.

**איינער** פון די דינים פון טהרת הפרה (במדבר יט, יב) איז, צו מאַכן הזאה, "הוא יתחטא בו ביום השלישי וביום השביעי יטהר". זאָגט דער "באר מים חיים" (פ' חקת) בדרך רמז, "שלישי" איז מרמז אויף לימוד התורה, ווי חז"ל זאָגן (שבת פח.) "בריך רחמנא דיהב אוריין תליתאי (תורה, נביאים, כתובים) לעם תליתאי" (כהנים, לויים, ישראלים), דורך דעם "תליתאי", דעם דריטן (משה רבינו ע"ה, וואָס ער איז געווען דאָס דריטע קינד ביי זיינע עלטערן, עמרם און יוכבד). "ביום תליתאי" אין דריטן טאָג (פון "פרישה"), "בירחא תליתאי" (דאָס איז חודש סיון, דער דריטער חודש פון יאָר, לויט'ן מנין פון די חדשים). און דער פסוק קומט זאָגן, "הוא יתחטא ביום השלישי", דער מענטש קען זיך מטהר זיין דורך לערנען די הייליגע תורה, ווי חז"ל זאָגן "המאור שבה מחזירו למוטב". "וביום השביעי" איז מרמז אויף שבת, דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך, אַז אויך שבת איז מטהר אידישע קינדער.

**דער** "אור החיים" הקדוש זי"ע, שרייבט אין זיין ספר "ראשון לציון" (משלי, סי' ב'), עס זענען דאָ דריי סאָרטן טהרה: טבילה, הגעלה, און ליבון באש. "ליבון" אין פייער, איז דער בעסטער וועג פון כשר'ן. דאָס זעלבע ווען דער מענטש איז פוגם זיין נפש ח"ו, דאַרף ער רייניגן זיין נשמה. עס זענען דאָ פאַר דעם פאַרשידענע וועגן, ווי יסורים רח"ל און אַנדערע וועגן, אָבער די בעסטע טהרה פאַר'ן מענטש איז יגיעת התורה, וואָס איז ענליך צו "ליבון באש" - גליען אין פייער, וואָס די תורה איז געגליכנט צו פייער, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה כג, מט) "הלוא כה דברי כאש נאם ה'". די תורה איז מזכך די נמשה מיט אַלע סאָרטן טהרה[יד].

**אַזוי** זאָגט ער אויך אין זיין הייליגן פירוש, "אור החיים" אויף תורה, אין דער היינטיגער סדרה (ל, יג) "זה יתנו", איז מרמז אויף די ספר התורה, וואָס דער פסוק

---

**יד.** ספּעציעל ווען מ'לערנט גמרא, וואָס איז מסלק און פאַרשניידט אַלע קליפות פון די סטרא אחרא, ווי הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז "גמרא" איז פון לשון "גומרי" – קוילן, ווייל עס פאַרברענט אַלע טומאות, און פון דער צווייטער זייט, צינדט עס אָן דאָס האַרץ פון מענטש צו עבודת השי"ת.

עס שטייט אין ספה"ק ישמח ישראל (פ' תצא, אות ה'), אַז די לעצטע ווערטער פון ערשטן וואָרקער רבי'ן, הרה"ק רבי יצחק'ל זי"ע, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר זיין הסתלקות, זענען געווען: די גמרא איז די גרעסטע טהרה.

הרה"ק רבי שמואל קאַמינקער זי"ע איז אַמאָל געזעסן און גערעדט מיט'ן עולם וועגן די מעלה פון לערנען אַ "בלאַט גמרא". ער האָט געזאָגט, על דרך "לשון נופל על לשון", אַז "בלאַט" איז אויך פון לשון "בלאָטע", דורך לערנען אַ בלאַט גמרא, גייט מען אַרויס פון יעדע בלאָטע...

איז איינער פון די חסידים וואָס האָט געהערט די ווערטער פונעם רבי'ן, וועגן די גרויסע חשיבות פון לערנען אַ בלאט גמרא, איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ דערנעבנדיגן צימער, און געזוכט אַ גמרא צו לערנען. ער האָט אָבער נישט געטראָפן דאָרט אַ גמרא, נאָר אַ משניות. האָט ער געלערנט אַ פרק משניות, און ער איז צוריק אַריינגעקומען צו הרה"ק רבי שמואל קאַמינקער. רבי שמואל האָט מרגיש געווען אַז ער האָט געלערנט משניות, און איהם געזאָגט: "צו לערנען משניות איז טאַקע אַ גרויסע זאַך, אָבער עס איז נישט גלייך צו לערנען אַ בלאַט גמרא...". (מובא בספר "כתבי קודש רמ"מ", להגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל, במדור "לקוטים יקרים", מהגה"צ רבי אהרן יוסף לוריא זצ"ל, בסופו, עמ' 57, ובספר "סיפורי מרן הרמ"ח", להרה"ק רבי מאטיל סלאנימער זי"ע, ע' רו-רז).

אין ספה"ק אמרי יוסף ווערט געברענגט אַ משל, אַ מענטש איז אַריינגעקומען אין אַ קעלער וואו עס האָט זיך געפונען גוטע וויין. ער האָט געוואָלט טרינקען פונעם וויין, אָבער ער האָט געהאַט אַ שמוציגן גלאָז, אָן וואַסער

זאָגט (יהושע א, ח) "לא ימוש ספר התורה הזה מפיך". אויך זאָגן חז"ל אַז אַ גאַנצן טאָג ליגט פאַר דעם אויבערשטען אַ ספר תורה, פונקט ווי דער אויבערשטער האָט באַפוילן אויך פאַר די אידישע מלכים, דער קעניג זאָל האָבן אַ ספר תורה, והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו" (דברים יז, יט). אויף דעם האָט דער אויבערשטער געוויזן צו משה רבינו ע"ה, "זה יתנו", אויף די ספר תורה וואָס ליגט פאַר'ן אויבערשטען, אַזוי קענען די אידן זיך רייניגן. דאָס הייסט, דורך דעם וואָס זיי וועלן לערנען תורה וועט עס שיצן און מכפר זיין די עבירות, און פאַרמערן זכיות, ווי די חז"ל זאָגן (פאה פ"א מ"א) "ותלמוד תורה כנגד כולם".

**זאָגט** דער "אור החיים", אפילו אויב דער מענטש האָט געזינדיגט און געטוהן אַ סאַך עבירות ח"ו, "זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת ולאשם", אויב ער לערנט תורה, ווערט עס איהם גערעכנט גלייך ווי ער וואָלט מקריב געווען אַלע קרבנות (מנחות קי.). אויף דעם זאָגט דער פסוק "כל העובר על הפקודים", דער מענטש וואָס האָט עובר געווען אויף די מצוות פון דער תורה, וועט לימוד התורה זיין אַ תיקון פאַר יעדן פגם, ווייל מ'קען זוכה זיין צו אַ גאַנצע כפרה, דורך לימוד התורה.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן קענען מרבה זיין בשמחה אין דעם חודש, "אין שמחה כתורה", און מיר זאָלן זוכה זיין צו שלום ושלוה אין אונזערע געצעלטן, ובבתי כל ישראל, און דער אויבערשטער זאָל רייניגן אונזערע הערצער צו דינען איהם מיט אַן אמת, און מיר זאָלן זוכה זיין צו די טהרה פון די פרה בקרוב ממש, ובא לציון גואל, במהרה בימינו אמן.

---

עס אויסצוואַשן. וואָס האָט דער מענטש געטוהן? ער האָט אויסגעשווענקט דעם גלאָז מיט וויין... און אַזוי האָט ער געהאַט צו טרינקען וויין.

דער נמשל איז: דער מענטש זאָגט, איך קען נישט לערנען, ווייל איך בין שמוציג, איך האָב נאָך נישט גערייניגט מיין נשמה. איז די עצה, שווענק זיך אויס מיט די גמרא, לערן תורה, און די תורה וועט אויסשווענקען דיין נשמה.

ענליך ברענגט דער ערוגת הבושם (פרשת מטות, עה"פ ויאמר אלעזר הכהן וגו') בשם די מפרשים, אויף די ווערטער פון דער משנה (אבות פ"ו, מ"ב) ומכשרתו להיות צדיק חסיד ישר ונאמן, "מכשרתו" איז פון לשון "הכשר כלים", "דמה שמגעילין הכלים ומוציאין ממנו בליעת האיסור, קרי הכשר, והכי נמי התורה הקדושה היא מגעלת כל מדות ומחשבות רעות הטמונים בלב אדם", די תורה הקדושה "כשר'ט" דעם מענטש פון אַלע שלעכטע מדות און מחשבות וואָס זענען באַהאַלטן ביי איהם אין האַרצן.

אַ משגיח פון אַ ישיבה האָט אַמאָל, אינמיטן סדר הלימוד, געטראָפן אַ בחור אינדרויסן. אויף זיין פראַגע וואָס ער טוט אינדרויסן, האָט דער בחור געענטפערט אַז איינער האָט איהם אַרויסגערופן. האָט דער משגיח געזאָגט: "קורא לה והיא באה" איז אַ קנין משיכה ביי אַ בהמה (קידושין כב:), נישט ביי אַ מענטש...